# הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע הי"ד בעל שערי הישר
## יומא דהילולא כ"ז אייר תש"ד

**תולדותיו:**

דער שערי הישר איז געבוירן געווארן אין יאר תרל"ה, צו זיין פאטער דער טל חיים פון ליסקא. דער גרויסע זיידע הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה האט שוין פאראויסגעזאגט איידער זיין געבורט "אז דא וועט געבוירן ווערן א "קארפטן קאפ", דער שערי הישר איז טאקע געווען באוויסט מיט גאר א שארפע קאפ און א געוואלדיגע בעל מחדש שוין פון אלץ יונגל. דער גביר וטפסר ר' יצחק אייזיק בערגער ז"ל פון ה'מאד האט זוכה געווען צו באקומען דעם עילוי פאר א איידעם. ט' אייר נאך דער פטירה פון זיין פאטער דער טל חיים, האט ער איבערגענומען דער נזר הרבנות פון 'ליסקא', וואס איז געווען פארקערפערט פון תורה און חסידות. דער אונגארישער קאנציליי אין בודאפעסט פלעגט שיקן צום שערי הישר די וואס זענען גרייט זיך צו לאזן פארהערען כדי צו באקומען א הורמנא. פערציג יאר האט ער געפירט עדת חסידיו ביז צו זיין אומקום עקד"ה אין אוישוויץ ז"ך אייר תש"ד, קוים עטליכע חדשים נאכוואס זיין זוהן כ"ק רבי יוזפא מליסקא זי"ע איז א חתן געווארן מיט בת כ"ק הגה"צ רבי אברהם יהושע העשיל פרענקל זצ"ל הי"ד מהיבנוב-לובלין. מיט גרויסע חסדים און סייעתא שמיא האבן זיך דער חתן און כלה געטראפן נאך דער קריג, קורץ דערנאך האבן זיי חתונה געהאט און אריבערגעקומען קיין אמעריקא און פון דאסניי איבערגעפלאנצט 'ליסקא 'אין אמעריקא'.

**עובדא:**

כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא מליסקא האט אמאל דערציילט:

דער שערי הישר איז אמאל געווען אין פרעשבורג צוליב א ענין, זייענדיג דארט איז ער אריין כנהוג צום מרא דאתרא הגאון הגדול רבי עקיבא סופר זצ"ל בעל דעת סופר, וועלעכע האט אים אויפגענומען ביותרת הכבוד אויף א שטארקע אופן, דער פרעשבורגער רב האט אים דאן מכבד געווען מיט זאגן א דרשה פאר די גרויסע למדנים פון שטאט ווי אויך פאר די תלמידים פון זיין גרויסע ישיבה.

איידער דער שערי הישר האט אנגעהויבען זיין דרשה, האט ער מקדים געווען מיט געבן א זאג פאר דער פארזאמעלטע עולם: "עטס זאלטס וויסען, אז לכבודו של מקום וועל איך בויען מיין דרשה אויסער אויף די ראשונים ואחרונים פארשטייט זיך, וועל איך בויען מיין פשעטיל נאר אויף די גדולי תורה וועלעכע האבן שייכות מיט די שטאט פרעשבורג".

דער עולם האט נישט פארשטאנען וואס דער שערי הישר מיינט מיט דעם צו זאגן, אבער שפעטער מער אריין אין די טיפזינדעדיגע פשעטיל וואס האט אנגעהאלטן עטליכע שטונדעס, אזוי איז געווען דער מנהג ווען ס'געקומען א רב פון דער פרעמד וואס דער מרא דאתרא האט מכבד געווען מיט א דרשה האט מען זיך נישט אזוי געאיילט, אדרבא דאס איז געווען זייערע פארוויילונג אונטערהאלטונג צו הערען מגידות און א שיינע לומדישע פלפול. דער שערי הישר האט זיי געגעבען א מתנה אויף דער זייט אז ער האט האט געבויעט זיין פשעטיל און געניצט די חידושים פון רבי משולם איגרא, מהר"ם ביב"ר, חתם סופר, כתב סופר, די אלע זענען געווען רבנים אין די לעצטע פופציג צו הונדרעט יאר אין פרעשבורג.

פרעשבורג איז געווען א עיר ואם בישראל, ביי דעם דרשה זענען געזעצן און זיך צוגעהערט ערנסטע תלמידי חכמים, בעלי תריסר, ווי אויך די תלמידים פון דער בארימטע פרעשבורגער ישיבה, האבן אסאך פון זיי געזאגט ביים ענדע פון די דרשה: "ווייניג מענטשן האבן געקענט מיטהאלטן", און זיי האבן מיט א שטארקע צופרידנהייט געמוזט געבן א שמייכל, זאגענדיג: "ס'קומט א פרעמדע רב און ער קען אונזערע רבי'ס תורות מער ווי אונז קענען זיי אליינס, ער האט אויפגעבויעט דאס גאנצע פשעטיל, געפרעגט און אפגעפרעגט, און זיך מפלפל געווען נאר אויף זייערע ווערטער".